# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת דברים שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל** chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג** 347-630-2876

# באטע ליל שבת קודש פרשת פנחס תש"פ לפרט קטן

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן דעם שיעור געבענדיג הדרכה אויפ'ן זומער, און געבעטן די בחורים: "יעדער בחור זאל זיך מאכן א פלאן וואס ער פלאנט צו טון במשך דעם זומער, וויפיל ער וויל אנקומען צו לערנען במשך די קומענדיגע וואכן אין קעמפ".

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט צו יעדן בחור באזונדער: "מאך זיך א פלאן צו ענדיגן ש"ס במשך דעם זומער, עס איז נישט קיין שווערע זאך, מיר האבן געהאט בחורים וואס האבן דאס געטון - זיי האבן דורך געלערנט און געענדיגט גאנץ ש"ס במשך די צוויי חדשים אין קעמפ.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט פון יעדן בחור באזונדער ווי ער האלט אין ש"ס; איין בחור האט געענטפערט אז ער האלט אין מסכת יבמות, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "דו קענסט נאך ענדיגן ש"ס דעם זומער; שטעל זיך אויס א סדר וויפיל דפים צו לערנען יעדן טאג ועסטו עס ענדיגן, דאס איז בכדי שיעשו"; א צווייטער בחור האט געענטפערט אז ער האלט אין מסכת בבא מציעא, און א דריטער בחור האט געענטפערט אז ער האלט אין מסכת שבת, און אזוי ווייטער, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט צו יעדן באזונדער: "דו קענסט עס נאך מאכן".

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו די בחורים וואס האבן ארויסגעהאלפן מיט'ן אהערשטעלן דעם עירוב אין שטעטל: "עס איז גרינגער צו ענדיגן גאנץ ש"ס ווי צו מאכן דעם עירוב".

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט צו די בחורים: "איך זוך נישט יעדער זאל קומען לערנען אין בית המדרש די זעלבע צייט אז דער 'בילד' זאל ווייזן ווי דער בית המדרש איז פול, ווייל יעדער בחור איז אנדערש איינער קען יעצט לערנען און איינער דארף זיך

קודם אראפ לייגן און דערנאך קען ער זיך זעצן לערנען, אבער יעדער בחור זאל ביי זיך האבן א צייט יעדן טאג ווען ער קומט אין בית המדרש לערנען זיינע שיעורים; אויסערביים דאווענען, יעדער בחור אן אויסנאם מוז זיין צייטליך ביי שחרית, מנחה און מעריב. שחרית דאווענט מען עלעף אזייגער - דאס איז די שפעטסטע וואס איך האב געקענט מאכן, דארף יעדע איינציגסטער בחור דארט זיין, די זעלבע איז מיט מנחה און מעריב - יעדער בחור מוז זיך צושטעלן צו די זמנים פון ישיבה; אבער ביים לערנען איז נישט קיין נפקא מינא 'ווען' מען לערנט, נאר יעדער בחור זאל זיך האבן זיינע שיעורים קבועים וואס ער לערנט יעדן איינציגסטן טאג.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן פרעגן די בחורים ווער עס האט א סיום צו דערציילן, דער ראש ישיבה שליט"א פרעגט א בחור: "..., דו האסט א סיום?" האט דער בחור געענטפערט אז ער האט געענדיגט ששה סדרי משנה צום צוואנציגסטן מאל, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט צו אים: "קום ארויף אויפ'ן סטעיטש (בימה)", און דער ראש ישיבה שליט"א ווייזט אויף אים: "קוקט אן א יונגער בחור - ער איז נישט אזוי יונג, ווייל אין ברסלב מאכט מען חתונה די קינדער יונגערהייט... היינט מארגן ביסטו שוין א חתן - אבער קוקט אויף אים ער האט געענדיגט ששה סדרי משנה צום צוואנציגסטן מאל"; און דער ראש ישיבה שליט"א פרעגט נאך א בחור: "האסט א סיום?" האט דער בחור געענטפערט אז ער האט געענדיגט ששה סדרי משנה צום פינף און צוואנציגסטן מאל, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן די זעלבע: "קוקט אים אן, א יונגער בחור, - ער איז נישט אזוי יונג ווייל אין ברסלב מאכט מען חתונה די קינדער יונג... אבער ער האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן פינעף און צוואנציג מאל ששה סדרי משנה.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער געפרעגט ווער עס האט א סיום צו דערציילן, ווען א בחור וואס איז געשטאנען

אין די זייט האט זיך אנגערופן אז ער האט לעצטענס געענדיגט די פופציגסטע מאל ששה סדרי משנה, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים ארויפגערופן און זיך אנגערופן מיט א שמייכל: "ער זעט אויס ווי א 'שוואכער בחור'... ער גייט אן די בעקיטשע, ער ארבעט וכו', אבער קוקט אים אן, ער האט געענדיגט פופציג מאל משניות! וואו ער גייט נעמט ער מיט א משניות אין טאש און כאפט אריין נאך א פרק און נאך א פרק; מענטשן זענען פארנומען אדורך צו טון צי די ישיבה באשטייט היינט פון 'שוואכערע בחורים' מער פון וואס עס איז געוועז אין אנהייב פון די ישיבה, אדער באשטייט היינט די ישיבה פון 'בעסערע בחורים' און אמאל האבן זיך געדרייט דא 'שוואכערע בחורים'... אבער קוקט זיך אליין אן, האסט נאך נישט געענדיגט אפילו איין מאל ששה סדרי משנה, און דער בחור וואס ער זעט אויס 'דער שוואכער' האט שוין געענדיגט פופציג מאל ששה סדרי משנה!

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך דערנאך אויסגעדריידט צו א אינגערמאן, און זאגט אים: אלס בחור האסטו געטראכט 'ווען איך וועל חתונה האבן, איך וועל זיך מסדר זיין, וועל איך זיך אוועק זעצן ביים טיש אין ספרים שטוב מיט ספעציעלע סליפערס... א קאלט גלעזל טרינקן... און א הויפן ספרים און לערנען מיט א געשמאק' - זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: "נא! קענסט שוין לערנען...; א אינגערמאן דארף אויך לערנען".

און דער ראש ישיבה שליט"א דריידט זיך אויס צו אן אנדערער אינגערמאן, און זאגט אים: דו האסט געטראכט 'ווען איך וועל מופן צום שטעטל, איך וועל זיך בויען א הויז, דעמאלט וועל איך לערנען' - זאגט אים דער ראש ישיבה שליט"א: נא! דו האסט שוין א הויז, א גארטן אין פארענט פון הויז, א גארטן פון אונטן, ווען וועסטו שוין לערנען?!"

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: די יארן לויפן, באלד מאכסטו שוין חתונה דיינע קינדער; און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערמאנט א אינגערמאן ווי פאר צען יאר צוריק האט ער געכאפט א פראסק פון זיין טאטע פאר'ן קומען לערנען אין די ברסלב'ע ישיבה, און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אים: "עס איז שוין אדורך צען יאר, אינצווישן האסטו חתונה געהאט, און באלד מאכסטו שוין חתונה דיינע קינדער; די יארן לויפן גאר שנעל. (אגב האט דער ראש ישיבה שליט"א מחזק געווען די בחורים זאגענדיג: "קוקט אויף ... נרו יאיר און ... נרו יאיר ווי זיי האבן חתונה געהאט, דער אייבערשטער האט זיי געברענגט שידוכים פון הימל, וואונדערליכע מעשיות איבער זייערע שידוכים; אזוי אויך וועט דער אייבערשטן ברענגען שידוכים פאר אלע בחורים, אלע וועלן חתונה האבן.)

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך געפרעגט: "ווער וויל הערן א מעשה פון תפלה"? - און דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "איך בעט שוין לאנג דעם אייבערשטן איך וויל אז מיינע קינדער זאלן ענדיגן ש"ס צו זייער בר מצוה - איך האב נישט געענדיגט ש"ס צו מיין בר מצוה און נישט צו מיין חתונה, ווייל איך בין ערשט מקורב געווארן צו מוהרא"ש נאך מיין חתונה - אבער איך וויל כאטש אז מיינע קינדער זאלן ענדיגן ש"ס צו זייער בר מצוה, און ברוך השם - יישר כח אייבערשטער אז מיין זון נרו יאיר האט די לעצטע פאר טעג זייט מען איז אנגעקומען אין שטעטל אנגעהויבן לערנען מיט א מורא'דיגע פלייסיגקייט גמרא, ער ענדיגט איין מסכת נאך די אנדערע, און ער וויל ענדיגן ש"ס צו זיין בר מצוה". (אגב האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז די בר מצוה פון זיין זון נרו יאיר וועט זיין אם ירצה השם ב' ויחי תשפ"א לפרט קטן, "איך זאג שוין פאר די אינגעלייט -איך ווייס נאך נישט וואו די בר מצוה וועט פארקומען, אבער אז עס וועט זיין אין וויליאמסבורג קומט נישט אריין פון שטעטל, און אז עס וועט זיין אין שטעטל

קומט נישט אריין פון וויליאמסבורג, קיינער זאל זיך נישט מטריח זיין, עס פעלט נישט אויס".)

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט א חתן: "דו האסט שוין געענדיגט ש"ס?" האט דער חתן געענטפערט: יא, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געפרעגט: דו האסט נאך א שיעור אין ש"ס? האט דער בחור געענטפערט אז ער לערנט יעדן טאג דעם בלאט גמרא, פרעגט אים דער ראש ישיבה שליט"א: "דו האסט נישט נאך א שיעור אין ש"ס?! וואס וועסטו טון אין א טאג וואס דו וועסט איבער בלייבן מיט צייט נאכ'ן ענדיגן אלע דיינע שיעורים?" - און דער ראש ישיבה שליט"א רעכנט אויס דעם חתנ'ס אלע שיעורים: חומש, יום תהלים, אכצן פרקים משניות, א בלאט גמרא, - דעמאלט וועסטו נעמען א צייטונג?!, אדער שפילן מיט א טעלעפאון?! הויב נאך אמאל אן ש"ס!"

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגערעכנט עטליכע ערליי מהלכים וויאזוי איבערצוגיין ש"ס; איין מהלך, איז צו נעמען איין מסכת אויף א מאל און דאס איבער גיין הונדערט און איין מאל און דערנאך גיין צו דער קומענדיגע מסכתא; די צווייטע מהלך, איז נאכאמאל אנהייבן ש"ס פון אנהייב כסדרן; נאך א מהלך, איז צו לערנען די מסכתות לויט די זמני השנה, צום ביישפיל יעצט קומען שוין די הייליגע טעג לערנט מען די מסכתות -ראש השנה, יומא, סוכה, און אזוי ווייטער יעדע יום טוב איר מסכתא, און שבת לערנט מען יעדע שבת אביסל פון מסכת שבת. "אזוי טו איך, יעדע וואך שבת לערן איך אביסל פון מסכת שבת, אמאל לערן איך צען בלאט און אמאל איין עמוד, דאס ווענדט זיך וויפיל צייט איך האב"; און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט אז הרב הגאון ר' משה פיינשטיין זכרונו לברכה פלעגט יעדע וואך שבת איבער גיין גאנץ מסכת שבת.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: "איינמאל האב איך זיך פארבענקט אינמיטן די וואך צו גיין צו מוהרא"ש זכרונו לברכה בין איך געפארן צו מוהרא"ש מיט איינעם פון אנשי שלומינו, מיר זענען אריין צוזאמען צו מוהרא"ש (מיר פלעגן אסאך אריין גיין צוזאמען ווייל מיר זענען געווען זייער נאנטע חברים, איך האב אים מקרב געווען) און מוהרא"ש פרעגט אונז: פארוואס זענט עטץ געקומען? האבן מיר געענטפערט: ווייל מיר האבן זיך פארבענקט, האט מוהרא"ש געזאגט: זייער פיין, און מוהרא"ש האט געשמועס מיט אונז עטליכע שיחות, ביז מוהרא"ש רופט זיך אן: "אז איך וועל בלייבן שמועסן מיט ענק וועל איך גארנישט האבן דערפון, לאמיר ענדערש אביסל לערנען - נאר דאס בלייבט איבער", מוהרא"ש נעמט ארויס א גמרא מסכת שבת און הייבט אן צו לערנען, אזוי גייט אריבער א שטיק צייט און מוהרא"ש לערענט, דערנאך האט אונז מוהרא"ש געזאגט "איך האב כמה שיעורים אין ש"ס", נאך אפאר מינוט האבן מיר געזאגט א גוטע נאכט, און מיר זענען ארויס פון מוהרא"ש'ס צומער".

דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן צו א חתן וואס איז געקומען צו פארן פון ארץ ישראל צו לערנען אין ישיבה, ער איז א תלמיד פונעם ראש ישיבה שליט"א דורכ'ן האטליין 'קול ברסלב': "אז דו ביזט געקומען דא צו זיין אין אזא הייליג פלאץ, אפשר מאכסטו זיך א פלאן צו ענדיגן ש"ס אויף דיין חתונה?!"

רעדנדיג צו דעם חתן פרעגט דער ראש ישיבה שליט"א פון איינער איינער פון די בחורים, "האסט שוין געגעבן שלום פאר דעם חתן"? האט יענער געענטפערט: ניין, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים פארגעהאלטן: "אז דו זעסט א פרעמדער קומט אריין אין בית המדרש, פארוואס געבסטו אים נישט קיין שלום?"

און דער ראש ישיבה שליט"א פרעגט אן אנדערער אינגערמאן:

"דו האסט געגעבן שלום פאר דעם חתן?" האט דער אינגערמאן געענטפערט: ניין, האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן שטארק צו ארום רעדן פון דאס אויפנעמען שיין א צווייטן, און מקרב זיין, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "אמאל פלעגט נישט זיין אזוי אין היכל הקודש, עס האט געהערשט א ווארעמקייט איינער מיט'ן אנדערן, ווען עס קומט אריין א גאסט אין בית המדרש גייט מען צו צו אים און מען זאגט אים: שלום עליכם, איך הייס אזוי, ווי אזוי הייסטו? אפשר קען איך דיר העלפן מיט עפעס, אפשר זוכסטו עפעס, די קאווע, די בית הכסא?; און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: אפילו אז עס קומט אריין אין בית המדרש - להבדיל אלף אלפי הבדלות - א גוי, זאג אים אויך אויף זיין שפראך: א גוטן, וואס טוט זיך? וואס קען דיר העלפן?

און דער ראש ישיבה שליט"א רופט זיך אן צו דעם אינגערמאן וואס שרייבט אפ שיחות פונעם ראש ישיבה שליט"א: "דו שרייבסט דאך אפ די שיחות, דו ווייסט פונקטליך אלע שיחות ווער איז געווען א עכטע תלמיד פון מוהרא"ש און ווער נישט... זאלסטו דאס אויך אפשרייבן אז דער ראש ישיבה האט אנגעשריגן דעם וואס שרייבט די שיחות, זאגענדיג: דו שרייבסט דאך די שיחות, דו ווייסט שוין אלעס, פארוואס זאלסט נישט געבן שלום פאר א גאסט וואס קומט אריין אין בית המדרש? פארוואס זאלסטו נישט מקרב זיין א פרעמדער מענטש?!"

און דער ראש ישיבה שליט"א פרעגט ווייטער: דו האסט געזען דער בחור וואס רוימט צאם די בית המדרש? האסטו אים שוין געגעבן שלום עליכם? האט דער אינגערמאן געענטפערט אז ער האט נישט געגעבן שלום, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים פארגעהאלטן: אז דו זעסט ווי איינער העלפט און רוימט אויף די בית המדרש פארוואס זאלסטו אים נישט באגריסן, פארוואס זאלסטו זיך נישט באדאנקן פאר אים?; אז דו וועסט דאנקן דעם בחור וואס רוימט די

בית המדרש, דו וועסט אים זאגן יישר כח, וועסטו שוין אויך קענען זאגן יישר כח פאר דיין ווייב.

און דער ראש ישיבה שליט"א איז אריין אין א שמועס פון זיך באדאנקן פאר דעם וואס טוט דיר א טובה, זאגענדיג: א מענטש דארף אלץ זיין דאנקבאר פאר אלע וואס העלפן אים און טוען אים טובות, מען דארף קענען געבן גוטע ווערטער, און דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אז יעדעס מאל וואס ער טרעפט זיין שדכן באדאנקט ער זיך פאר זיין שידוך און זאגט אים: "יישר כח פאר מיין לעבן!" די ערשטע דרייסיג מאל האט דער שדכן נישט געוויסט וויאזוי דאס צו נעמען, אבער היינט ווארט ער שוין דערויף..."

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א שמועס פון 'שמירת עינים'; האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "איך זאג ענק, עס קומט א שיינע זומער, איך וועל ענק נישט צופיל באדערן, איך וועל ענק נישט נאכקוקן, איך וועל נישט גיין קוקן וואס טוט זיך אונטער די מאטראצן, אבער איך בעט ענק איין זאך: "קוקט נישט קיין מאוויס!"

אז דו האסט א טעלעפאון וואס מען קען זען דערויף מאוויס ווארף עס אוועק, צעברעך עס, קיינער דארף אפילו נישט וויסן אז דו האסט געהאט אזא טעלעפאון און דו האסט עס אוועק געווארפן; און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "עס איז שוין גענוג געווען, פארוואס דארפסטו עס בכלל האבן?!" קוים וואס מען דארף האבן א פשוט'ן טעלעפאון, דאס דארף מען פשוט האבן צו קענען רופן די עלטערן, אבער א טעלעפאון וואס מען קען זען דערויף שמוץ - דאס דארפסטו נישט האבן!

ליידער זענען מיר אזוי אויסגעמישט צווישן די גוים, כאפט זיך אריין זייערע דיעות צווישן אונז, וואס ביים גוי איז כשר צו קוקן איז ביי אונז טמא, דער גוי זאגט דאס שאדט נישט, דאס וועט נישט

שטערן פאר'ן לעבן מיינט נאך נישט אז מיר אידן מעגן קוקן דערויף, וואס עס איז נאך גוט ביים גוי מיינט נישט אז דאס איז גוט פאר א איד!

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: אפילו דו וועסט מיר זאגן אז דו האסט א פילטער איז דאס אויך נישט קיין גוטע זאך, ווייל דער עצם זאך אז מען איז צוגעבינדן צו א טעלעפאון פיר און צוואנציג שעה, מען קען נישט לעבן אן דעם - איז נישט קיין גוטע זאך, דאס וועט דיר שטערן פאר'ן לעבן.

"ברוך השם, עס איז ממש א נס אז דא אין בית המדרש און אזוי אויך אין די דירה וואו די בחורים שלאפן איז נישט דא קיין גוטע סערוויס פאר די טעלעפאונ'ס". האט זיך א בחור אנגערופן אז אין די דירה איז בכלל נישט דא קיין סערוויס, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געזאגט: "די פשוט'ע טעלעפאונ'ס האבן יא ביסל סערוויס...".

די בעסטע וועג וויאזוי איך קען מאכן אז דו זאלסט אוועקלייגן דיין טעלעפאון איז דורך א שידוך, ווייל אויב דו וועסט זיין פארנומען מיט דיין טעלעפאון פיר און צוואנציג שעה א טאג, וועט דיין ווייב אויך זיין פארנומען מיט אירע זאכן, שאפינג, חבר'טעס וכדומה; מען קען זען אינגעלייט ווי זיי דרייען זיך ארום ביז שפעט ביינאכט מיט חבירים, זיי גייען נישט אהיים, פארוואס גייט ער נישט אהיים? דאס איז ווייל ער האט נישט פארוואס אהיים צו גיין, זיין ווייב זיצט אויפ'ן קאוטש, און איז פארנומען מיט אירע חבר'טעס, זי זאגט אים: איך האב דיר זייער ליב, אבער איך בין יעצט פארנומען מיט מיינע חבר'טעס, מיט שאפינג, מיט מיינע זאכן; וואס וועסטו דעמאלט טון? דו ביסט גארנישט אנדערש פון איר, דו ביסט אויך א גאנצן טאג פארנומען מיט דיין טעלעפאון.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך געבעטן מיט רחמנות

צו אלע בחורים: "דו דארפסט נישט האבן קיין טעלעפאון, א בחור מיינט אז ער וועט ווערן מעכטיג און פעסט אז ער וועט האבן א טעלעפאון, דאס איז נישט מעכטיג און פעסט, דאס איז פשוט א רחמנות, מען ווערט נעבעך צוגעבינדן פיר און צוואנציג שעה צום טעלעפאון".

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל אויסניצן די צייט מיט לערנען און דאווענען וועלן מיר האבן א שיינע זומער.

## שיחות וסיפורים

ח) איין טאג האט דער ראש ישיבה שליט"א געשמיסט מיט די בחורים און אינגעלייט, מען האט גערעדט איבער א רב וואס איז יעצט נפטר געווארן, האט איינער זיך אנגערופן אינמיטן דעם שמועס "יענער האט געהאט אסאך געלט". מער האט דער ראש ישיבה נישט געדארפט... דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך תיקף אויפגעשטעלט אויף א לייטער ביי די ארייגאנג צום בית המדרש, און אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות, די ווערטער פונעם בעל תפילה, **דער בעל תפילה האט געזאגט: "נאך אלץ ווילט איר געלט?! פון געלט זאלט איר נישט רעדן"!** שפעטער האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "אזויווי איך האב געזען אז מען קען מער נישט שמיסן מיט מענטשן אן דעם וואס עס זאל נישט אריין קומען אינעם שמועס געלט, נישט קיין חילוק פון וועלכע נושא מען רעדט, הייבט מען אן צו רעדן פון 'געלט' האב איך נישט געקענטווארטן ביז מען וועט אויפהענגען א שיינעם טאוול, איך האב דאס גלייך אויפגעשריבן אז דא אין א ברסלב'ע שול זאל מען נישט רעדן פון געלט".

ט) איין טאג ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען באזוכן די תלמוד תורה און זען ווי די מלמדים זיצן מיט די קינדער האט דער ראש ישיבה שליט"א געעפנט דער טיר צו איינע פון די כיתות און זיך אנגערופן צום מלמד: "אויב דו הערסט מען בלאזט שופר אינדרויסן דו הערסט אז משיח איז שוין אויפ'ן וועג, זאלסטו נישט איבערלאזן די קינדער, נאר הערשט נאכ'ן ענדיגן חדר דעמאלט זאלסטו נאכקומען מיט אלע אידן קיין ארץ ישראל; זיצן מיט קינדער איז דער חשוב'סטער זאך, נאכמער ווי העלפן בויען דעם בית המקדש!".

י) דער ראש ישיבה שליט"א האט געוואלט מסביר זיין פאר א בחור אז טרינקען קוואל וואסער פון סינק (קראן) איז בעסער ווי טרינקען געבאטלטע וואסער, ווען דער בחור האט אנגעהויבן צו פרעגן אהער און אהין האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן: "אויב האב איך א כח צו איבער רעדן (קאנווינצן), וויל איך דיר ענדערש איבער רעדן צו זאגן משניות און רעדן צום אייבערשטן ווי דיר איבער רעדן צו טרינקן סינק וואסער...

יא) איין טאג פאר'ן פארלערנען דעם דף ירושלמי ווען מען האט אנגעהויבן א פרישע מסכתא -מסכת סוכה, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן אלץ הקדמה צו א אינגערמאן, "ווי וועסטו מאכן א סוכה קומענדיגע יאר? ווען יענער אינגערמאן האט

געענטפערט אז ער האט נאכנישט געטראכט דערוועגן האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "א גוי ווען ער מופט אריין אין א נייע דירה טראכט ער, 'ווי קען איך לייגן דעם טעלעוויזשאן? וכו', אבער א איד ווען ער גייט דינגען אדער קויפן א נייע דירה דארף ער די ערשטע זאך טראכטן, 'ווי גיי איך קענען מאכן א סוכה'?".

יב) בנוגע דעם בריוו (עצתו אמונה פרשת מטות מסעי תש"פ) "בעט דעם אייבערשטן זאלסט נישט פיינט האבן דאס שטעטל" וכו', האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט דערוועגן אין א שמועס און געזאגט: "עס עסט מיר אויף די קישקעס דאס אז אינגעלייט קריגן און מאכן מחלוקת צווישן די תלמידים. האט זיך איינער אנגערופן צום ראש ישיבה אז דער בריוו איז געשריבן פול מיט רחמנות וכו', האט דער ראש ישיבה געפרעגט "און וואס שטייט אינעם בריוו?" האט יענער נאכגעזאגט אויסענווייניג פונעם שטיקל 'דער ראש ישיבה האט געהאט מחלוקת צווישן תלמידי היכל הקודש', האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט "דאס האב איך געשריבן? דאס האב איך נישט געשריבן, קוק אריין אינעווייניג...", האט מען געברענגט א קונטרס עצתו אמונה פון די וואך, און יענער האט פארגעליינט פון אינעווייניג: "**רוב חברים וואס האבן זיך געדריידט אין היכל הקודש האבן אויפגעהערט רעדן מיט מיר**", האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט, חבירים וואס האבן זיך "געדרייט" זיי האבן געקריגט, די 'תלמידים' פון מוהרא"ש האבן נישט געקריגט.

יג) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט פאר די מלמדים

אז איינער האט אים געפרעגט, ער זעט ביי געוויסע משפחות ווי זיי קענען נישט קאנטראלירן די קינדער וכו', עס זעט אויס ווי זיי האבן צופיל קינדער און זיי קענען זיך נישט קיין עצה געבן וכו', האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דאס איז ווייל זיי זענען נישט גוט מחונך געווארן, זיי האבן נישט געהעריג צוגעזען ביי זייערע עלטערן וויאזוי מען פירט א שטוב וכו', אפילו זיי וואלטן געהאט נאר איין קינד וואלטן זיי זיך אויך נישט געקענט קיין עצה געגעבן, אבער עלטערן וואס האבן באקומען א גוטע חינוך אלץ קינד, קענען זיי זיך אן עצה געבן אפילו מיט א געבענטשטע שטוב מיט קינדער, און די שטוב איז שיין און מסודר".

"די זעלבע זאך איז נוגע פאר מלמדים, - זאגט דער ראש ישיבה שליט"א, א מלמד וואס איז אויסגערוט, אנגעגרייט פאר'ן טאג - ער ווייסט וואס ער האט צו טון, ערווארט אפ די קינדער נאך איידער די קינדער קומען אין חדר, קען גאר אסאך אריינלייגן אין די קינדער, אפילו א גרויסע כיתה מיט דרייסיג קינדער וועט אים זיין א מחיה צו זיצן מיט זיי, אבער אויב דער מלמד איז נישט אויסגערוט אדער ווייסט נישט וואס ער האט צו טון וועט ער אפילו נאר מיט איין קינד זיך אויך נישט קענען קיין עצה געבן".

## שיחות פון פריערדיגע יארן

יד) דאנערשטאג נח שנת תשע"ה לפרט קטן איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן צום אהל פון דער ליובאוויטשער רבי אין קווינס, ווען מען איז צוריק אנגעקומען אין ישיבה האט דער ראש ישיבה געשמיסט מיט די בחורים און זיך אנגערופן: "ליובאוויטשער רבי וואלט דען נישט געקענט זיין א שיינע רב ווי אלע שיינע רבנים?

נאר וואס דען, ער האט זיך מוסר נפש געווען, און נאר דאס איז אים געגאנגען אין לעבן -אז א איד אין דער אנדערער עק וועלט זאל אויך לייגן תפילין און וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט".

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך דערציילט: "זייענדיג ביים ציון, האב איך געהאט א מורא'דיגע התבודדות, איך האב געזאגט פאר'ן אייבערשטן, 'דער ליובאוויטשער רבי וואלט אויך געקענט זיין אזא שיינע רבי ווי אסאך גרויסע רבנים אין זיין דור, עס איז אים אבער געגאנגען בנפשו אז נאך א איד אויף דער וועלט זאל לייגן תפילין, אזוי אויך מוהרא"ש (שליט"א) [זכר צדיק לברכה] איז זיך אויך מוסר נפש זיין גאנצע לעבן פאר א צווייטע איד זאל וויסן פונעם אייבערשטן, דעריבער העלף מוהרא"ש, און העלף די מפיצים'".

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך אנגעוויזן אויף ר' ... מפיץ, "ער וואלט אויך געקענט זיין ווי ..., זיצן ביי מוהרא"ש און באקומען ברכת הזימון אדער אנדערע כיבודים וכו'... נאר ער איז זיך זיין גאנצע לעבן מוסר נפש אז נאך א בחור זאל באקומען א קונטרס און געוואויר ווערן אז ער קען אויך תשובה טון, ער האט נאך א תקנה; נאך א אינגערמאן זאל באקומען חשק אהיימצוגיין צו זיין ווייב, און זען אז דער אייבערשטער איז נישט ביטער".